**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 416 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט מיט 698 יוניטס פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען אין אָפּער מאנהעטען**

***די גאר ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע באנוצן אין אינוואוד וועט פארגרעסערן האוזינג סופליי, פאראויס רוקן סטעיט'ס קארבאן רעדוקציע ציהלן***

***אינוואוד וועט אפפערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויס צו העלפן עלימינירן דיגיטאלע אומגלייכקייטן***

***זעהט מאלערייען פון די דעוועלאפמענט'ס דעזיין [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די דעוועלאפמענט פון צוויי פארבינדענע געביידעס פאר אויסגעמישטע באנוצן און פאר וואוינונגען פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען, מיט כמעט 700 אפארטמענטס, צווישן זיי 281 יוניטס פאר צוגענגליכע פרייזן, איז אונטערוועגנס אין די אינוואוד געגנט פון אָפּער מאנהעטען. די 416 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט אין אינוואוד וועט האבן פולשטענדיג-עלעקטראנישע הייצונג און קילונג און אנדערע ענווייראמענט-פריינטליכע אייגנשאפטן וועלכע וועלן פאראויס רוקן די סטעיט'ס קלימאט ציהלן, און זיי וועלן אפפערן אומזיסטע אינטערנעט סערוויס פאר די איינוואוינער.

"מיין אדמיניסטראציע קעמפט צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט די געלעגנהייט צו וואוינען אין א זיכערע, שטאנדהאפטיגע היים אין א בליהענדע קאמיוניטי ווי אינוואוד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דעוועלאפמענט וועט נישט נאר אויפבויען נייע היימער, נאר עס וועט אויך צושטעלן וויכטיגע סערוויסעס און איינריכטונגען וועלכע וועלן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און פארשטערקערן די עקאנאמיע פאר די גאנצע קאמיוניטי."

די דעוועלאפמענט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן איז טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

צוזאמען וועלן די געביידעס אויף 405 און 407 West 206th Street האבן א געמיש פון סטודיאָ אפארטמענטס און אזעלכע מיט איין, צוויי און דריי שלאף צימערן. פערציג פראצענט פון די אפארטמענטס וועלן אוועקגעליינט ווערן פאר איינוואוינער וועלכע פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט (Area Median Income, AMI). נאך צען פראצענט פון די אפארטמענטס וועלן האבן די רענט באגרעניצט צו זיין מאקסימום 30 פראצענט ארויס פון 120 פראצענט פון די AMI, און זיי וועלן זיין אונטערגעווארפן צו NYC רענט סטאביליזאציע אנווייזונגען ( Rent Stabilization Guidelines). די איבעריגע יוניטס וועלן זיין אויף די געהעריגע ראטעס אויפן מארקעט.

דער פראיעקט ציהלט זיך צו פארדינען א LEED BD+C Silver סערטיפיקאציע און צו נאכקומען די נייע ענווייראמענטאלע סטאנדארטן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט הײמער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) אין 2022, סטאנדארטן וועלכע שטופן פאר א געזונטערע סביבה און מער ווירקזאמע געביידעס און וועלכע שטיצן די ציהלן אוועקגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act). אין צוגאב צום פאראויס שטופן די סטעיט'ס קלימאט ציהלן, וועלן 405 און 407 West 206th Street אומזיסטע אינטערנעט סערוויסעס, ארויפבויענדיג אויף די גאווערנער'ס [ConnectAll] איניציאטיוו וואס האט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען צו ברענגען שנעלע אינטערנעט צו קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט געהאט גענוג סערוויס, עלימינירנדיג די דיגיטאלע אומגלייכקייטן פאר ניו יארקער מיט נידעריגערע איינקונפט.

מיטגעטיילטע איינריכטונגען פאר אלע איינוואוינער וועלן אריינרעכענען א הויף מיט גראז, א באוואכטע לאבי, מערערע אפענע פלעצער אויפן דאך, א דזשים, פלעצער צו זיצן און ארבעטן, פלאץ זיך צו אפרוהען און מוזיק איבונגען צימערן. די קאמפלעקס וועט אויך האבן א סופערמארקעט אונטער ניו יארק סיטי'ס 'עסנווארג ריטעיל פארברייטערונג צו שטיצן געזונטהייט' (Food Retail Expansion to Support Health, FRESH) פראגראם, פלאץ פאר לאקאלע געשעפטן, פּארקינג און אן אימיגראנטן-צענטרירטע פארשטעלונגען קונסט צענטער וואס וועט זיין אונטער די אייגנטום און אנפירונג פון די People's Theatre Project.

פינאנצירונג פאר די אפּאָרדעבעל חלק פון די נייע דעוועלאפּמענט רעכנט אריין קרוב צו 70 מיליאן דאלאר אין נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיט עקוויטי און כמעט 82 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען פטור פון שטייערן און כמעט 182 מיליאן דאלאר אין באנדס וועלכע זענען נישט פטור פון שטייערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט הײמער און קאמיוניטי רינוּעל. אין צוגאב, אפּלייט דער פראיעקט פאר נאך א געשאצטע 39.5 מיליאן דאלאר אין טעקס קרעדיטס נאכפאלגנדיג ארבעט צו אויספארשן און אויפרייניגן פארפעסטיגונג אונטער אויפזיכט פון די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) אלץ טייל פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכער [פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם] (Brownfield Cleanup Program, BCP).

די באנדס זענען געקויפט געווארן דורך Wells Fargo Municipal Capital Strategies און דורך Wells Fargo Bank. די קרעדיט וועט פארבעסערט ווערן דורך Fannie Mae ווען די הלוואה וועט ווערן קאנווערטעד. די נידעריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס זענען איינגעקויפט געווארן דורך די Urban Investment Group, א חלק פון Goldman Sachs Asset Management. נאך מקורות פון פינאנצירונג רעכענען אריין קרוב צו 87 מיליאן דאלאר אין עקוויטי פון די פירמעס וועלכע האבן אונטערגענומען די דעוועלאפּמענט און פון די Urban Investment Group.

די דעוועלאפּמענט איז א געמיינזאמע אונטערנעמונג דורך LMXD, א פארבינדענע פירמע מיט L+M Development Partners, MSquared און Taconic Partners. די Community League of the Heights (CLOTH) איז די קאמיוניטי ספּאנסאר. די געביידעס זענען דעזיינט געווארן דורך Beyer Blinder Belle Architects.

**ניו יארק סטעיט הײמער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די HCR איז שטאלץ צו העלפן פארגרעסערן די אויסוואהל פון ענווייראמענט-פריינטליכע הייזער פון א הויכע קוואליטעט אין די פארשידנארטיגע און קולטוריש-רייכע געגנט, בשעת'ן שטופן פאר עקאנאמישע געלעגנהייטן און האלטן אינוואוד פאר אן אפּאָרדעבעל און ציהענדע פלאץ צו וואוינען. מיט קרוב צו 700 אפּארטמענטס, אריינרעכענענדיג 281 וועלכע זענען פאר צוגענגליכע פרייזן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען, קאמיוניטי מיטלען און באקוועמליכקייטן און גרינגע צוטריט צו אלעס

וואס די שטאט האט צו אפפערן, וועט אינוואוד ברענגען א גוואלדיגע בענעפיט פאר די קאמיוניטי און דינען די געגנט פאר לאנגע דורות. עס גיבט אסאך סיפוק צו ארבעטן מיט איבערגעגעבענע שותפים, אריינרעכענענדיג LMXD, MSquared, Taconic, און CLOTH, און איך קוק ארויס צו זעהן דעם פראיעקט ווערנדיג א רעאליטעט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער בעזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם בלייבט ווייטער א מאכטפולע כלי וואס טראנספארמירט שטחים וואו פאבריקן פלעגן שטיין צו שטיצן לאקאלע אויפלעבונג באמיאונגען, עלימינירן ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער, באזונדערס די וועלכע וואוינען אין באזייטיגטע קאמיוניטיס. דער דעוועלאפמענט פראיעקט אין אינוואוד ברענגט מיט זיך די לעצטע טעכנאלאגיע אין ענווייראמענט-פריינטליכע ענערגיע צו רעדוצירן קארבאן עמיסיעס, א קריטישע זאך צו קענען ערררייכן די ציהלן פון ניו יארק'ס קלימאט פלאן. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אין צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיט אגענטורן, איז די DEC שטאלץ צו שטיצן די קאנסטרוקציע פון אפאָרדעבעל הייזער, און מיר בלייבן פארפליכטעט צו פארזיכערן אז דער פראגראם זעצט פאר צו זיין ערפאלגרייך אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**סענאטארשע קירסטען דזשיליבראנד האט געזאגט,** "אפאָרדעבעל הייזער זענען געווארן שווערער און שווערער צו טרעפן, און די דעוועלאפמענט וועט צושטעלן צוטריט צו האוזינג אפציעס וואס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער. איך בין שטאלץ צו שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו דעוועלאפען און אפהיטן די גאר-נויטיגע אפאָרדעבעל האוזינג אפציעס פאר אלע ניו יארקער."

**מאנהעטען בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** "דער פראיעקט ערפילט איינס פון מאנהעטען'ס עיקר געברויכן: מער הייזער, מער אפאָרדעבעל הייזער, און מער ענווייראמענט-פריינטליכע הייזער. דורכן אדרעסירן צוויי פון אונזער בארא'ס מערסטע דרינגענדע קריזיסן – האוזינג און ענווייראמענט-פריינטליכקייט – בויט די דעוועלאפמענט אויף א בעסערע צוקונפט פאר אינוואוד און מאנהעטען."

**קעטערין קעלמאן, מענעדזשינג דירעקטארין פון LMXD, האט געזאגט,** "די היינטיגע דורכברוך ווייזט ארויס אונזער פארפליכטונג צו צושטעלן הערליכע און ענווייראמענט-פריינטליכע היימער און קאמיוניטיס פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען. מיר זענען באגייסטערט צו ארבעט צוזאמען מיט די סטעיט אויף א דעוועלאפמענט פאר מענטשן פון פארשידענע איינקונפט שטאפלען וואס ערגענצט די 'געפאדערטע אריינגעמיגע האוזינג' (Mandatory Inclusionary Housing) פראגראם און ברענגט אפאָרדעבעל היימער פאר די אינוואוד איינוואוינער. די הייזער – צוזאמען מיט די פלאץ פאר ארטיגע ריטעיל געשעפטן און פאר א פארשטעלונגען קונסט צענטער וואס די דעוועלאפמענט וועט ברענגען – שפיגלען אפ די איבערגעגעבנקייט פון LMXD צו שטיצן פראיעקטן וועלכע בארייכערן די קוואליטעט פון לעבן אין קאמיוניטיס. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אויפבויען מער היימער פאר ניו יארקער, און א דאנק פאר אלע שותפים פארן מאכן דעם פראיעקט פאר א מעגליכקייט."

**אלישע גלען, גרונדערין און מענעדזשינג פרינסיפעל פון MSquared, האט געזאגט,** "אינוואוד שטימט פונקטליך מיט אונזער צוגאנג צו בויען אריינגעמיגע דעוועלאפמענטס וועלכע שטעלן צו גאר-נויטיגע הייזער און קאמיוניטי מיטלען בשעת'ן לייגן די געברויכן פון די געגנט אלץ פריאריטעט. טראנספארמאטיווע ענדערונגען הויבן זיך אן מיטן אינוועסטירן אין אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס, און דער פראיעקט איז א גוואלדיגעביישפיל פון וויאזוי די פובליק און פריוואטע סעקטארן קענען זיך צוזאמקומען צו אויפבויען מער היימער וועלכע זענען אפאָרדעבעל, ענווייראמענט-פריינטליך און אפפערן פאר אלע איינוואוינער די זעלבע געלעגנהייטן. מיר זענען שטאלץ צו זיין א שותף פאר דעם פראיעקט צוזאמען מיט LMXD און Taconic, און מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אויף דעם פראנט."

**דזשארדזש טסאַפּעלעס, סיניאר וויצע פרעזידענט פון Taconic Partners, האט געזאגט,** "ענערגיע-שפארזאמע דעוועלאפמענטס פאר געמישטע באנוצן ווי 405-407 206th Street זענען קריטיש צו אדרעסירן אונזערע סיטי'ס האוזינג געברויכן און צו העלפן פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס זענען געבויט צו קענען בליהען. מיר קרוב צו 700 צוגעלייגטע היימער, וויכטיגע קאמיוניטי מיטלען און קולטורישע איינריכטונגען – אלע געבויט מיט אן אויג אויף ענווייראמענט-פריינטליכע דעזיין – וועלן איינוואוינער האבן א צוגענגליכע פלאץ פון א הויכע קוואליטעט צו רופן זייער היים. א דאנק פאר אלע שותפים און פאר גאווערנער האקול פארן שטיצן דעם איינפלוסרייכן פראיעקט."

**שערי וואנג, מענעדזשינג דירעקטארין און פון די הויפטן פון די Urban Investment Group אונטער Goldman Sachs Asset Management, האט געזאגט,** "זינט 2001 האט די Urban Investment Group אינוועסטירט איבער 17 ביליאן דאלאר אין ברייטע עקאנאמישע אנטוויקלונג. מיר זענען דאנקבאר צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו אויפבויען נייע היימער וועלכע זענען סיי אפּאָרדעבעל און סיי ענווייראמענט-פריינטליך און וועלכע אפפערן וויכטיגע סערוויסעס פאר אירע איינוואוינער. פארשונג ווייזט אן אז פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט ליידן פון שעדליכע גאז עמיסיעס מער פון אנדערע, און מיר זענען שטאלץ צו זיין א חלק פון די לייזונג."

**איוואָן סטענעט, עקזעקיוטיוו דירעקטארין פון The Community League of the Heights, האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו זיין פארמישט מיט דעם 405-407 West 206th Street פראיעקט וואס ברענגט 281 אפּאָרדעבעל היימער. אין צוגאב צו די פראדוקציע פון אפּאָרדעבעל הייזער, העלפן מיר מיטן בויען קשרים מיט די קאמיוניטי צו אויפנעמען לאקאלע ארבייטער פאר דעם פראיעקט, און מיר קוקן ארויס צו פובליצירן און אויפקלערן די פובליק איבער די פראצעדור פון געוואונען אן אפּאָרדעבעל הויז. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן פון די נאענט מיט די פראיעקט מאנשאפטן פון LMXD, Taconic און MSquared אזוי ווי זיי רוקן זיך פאראויס מיט דעם פראיעקט און אנדערע קאמיוניטי ארגאניזאציעס צו פארזיכערן אז עס ערפילט די באדערפענישן פון די אינוואוד קאמיוניטי. איך שיק אויך אונזערע הערצליכע וואונטשן פאר People's Theatre פאר די אויפשטעלונג פון די פארשטעלונגען קונסט צענטער."
**פעידזש טרעוועלסטעד, מענעדזשינג דירעקטארין פון Wells Fargo, האט געזאגט,** "דער אינוואוד פראיעקט איז א ביישפיל פון די חזון פאר די אויפלעבונג פון אפער מאנהעטען — א פלאץ וואס האט אפּאָרדעבעל היימער, קאמיוניטי-אריענטירטע געשעפטן און פלעצער פאר ארבעט און פארווייַלונג. יעצט מער פון סיי ווען בעפאר איז אונזער ציהל צו לייגן אלץ א פריאריטעט אינוועסטירונגען וועלכע פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן און פראיעקטן וועלכע העלפן בויען א בעסערע, מער ענווייראמענט-פריינטליכע שטאט פאר אלע ניו יארקער. צוזאמען מיט פילע וויכטיגע שותפים, איז Wells Fargo שטאלץ צו האבן פינאנצירט די קאנסטרוקציע פון די צווייַ געביידעס, אריינרעכענדיג 698 יוניטס פון הייזער פאר אפּאָרדעבעל און געהעריגע מארקעט פרייזן וואס וועלן העלפן צושטעלן א קריטישע פארבינדונג מיט עקאנאמישע און קולטורישע געלעגנהייטן פון וועלכע די לעבהאפטיגע געמישטע קאמיוניטי אין אינוואוד וועט באשטיין. פון Wells Fargo ווילן מיר גראטולירן LMXD, Taconic Development און M2 פאר די היסטארישע ערגרייכונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן